**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג בעפאר וועטעראנס דעי, דערמאנט גאווערנער האקול וועטעראנען און ארבעטסגעבער איבער ווערטפולע טעקס קרעדיטס און עקזעמפשענס פאר קוואליפיצירטע ניו יארקער וועלכע האבן געדינגט אין די מיליטער**

***טעקס קרעדיט פארן אויפנעמען א וועטעראן יעצט ווערט ביז אזויפיל ווי $20,000 פאר בארעכטיגטע ניו יארקער***

***פראפערטי טעקס עקזעמפשענס פון ביז אזויפיל ווי 50 פראצענט אויך דא צו באקומען פאר ניו יארקע וועטעראנען***

גאווערנער האקול האט היינט דערמאנט ניו יארקע וועטעראנען און ארבעטסגעבער איבער ווערטפולע טעקס קרעדיטס, עקזעמפשענס און באלוינונגען פארן אויפנעמען קוואליפיצירטע מיליטער מיטגלידער שטייענדיג בעפאר וועטעראנס דעי. די *Hire-a-Veteran* טעקס קרעדיט (טעקס קרעדיט פארן אויפנעמען א וועטעראן) וואס ווערט פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Taxation and Finance) קען זיין ווערט ביז אזויפיל ווי $20,000 פאר בארעכטיגטע ניו יארקער. וועטעראנען קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר נאך לאקאלע טעקס עקזעמפשענס וועלכע קענען אראפנידערן זייערע פראפערטי טעקס בילס מיט ביז אזויפיל ווי 50 פראצענט.

"דא אין ניו יארק, באעהרן מיר אונזערע וועטעראנען, נישט נאר מיט אונזער טיפע רעספעקט און געוואלדיגע דאנקבארקייט פאר זייער דינסט, נאר אויך מיט טעקס פארגרינגערונג פראגראמען און באלוינונגען פאר ארבעטסגעבער וועלכע זענען אויסגעשטעלט זיי צו העלפן בליהען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו וועטעראנס דעי, מוטיג איך אונזערע מיליטער מיטגלידער צו זעהן אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע בענעפיטן, און איך באדאנק זיי פארן באשיצן די פונדאמענטאלע רעכטן און פרייהייטן וועלכע זענען די יסוד פון אונזער סטעיט און אונזער לאנד."

***Hire-A-Veteran* טעקס קרעדיט**

ביזנעסער וועלכע נעמען אויף קוואליפיצירטע וועטעראנען קענען זיין בארעכטיגט פאר ניו יארק'ס *Hire-A-Veteran* טעקס קרעדיט אין די ווערט פון ביז אזויפיל ווי $20,000 פער וועטעראן וואס ווערט אויפגענומען. ביזנעסער מוזן אויפנעמען קוואליפיצירטע וועטעראנען אין ניו יארק סטעיט פאר איין יאר אדער מער, צום ווייניגסטנס פאר 35 שעה א וואך, צו קענען באקומען די טעקס קרעדיט.

ארבייטער קענען זיך פארדינען א קרעדיט פון ביז אזויפיל ווי $15,000 פער קוואליפיצירטע וועטעראן און $20,000 פער דיסעיבעלד וועטעראן. קוואליפיצירטע וועטעראנען מוזן אריינגעבן א DTF-75 בויגן, די (ארבייטער סטעיטמענט פאר די טעקס *Employee Affidavit for the Hire-a-Veteran Credit* קרעדיט פארן אויפנעמען וועטעראנען) צו זייער ארבעטסגעבער צו באשטעטיגן דאס זיין בארעכטיגט.

ביזנעסער וועלכע נעמען יעצט אויף נייע ארבייטער זאלן באזוכן די *Hire-A-Veteran* טעקס קרעדיט וועבזייטל פאר מער אינפארמאציע.

**וועטעראנען'ס פראפערטי טעקס עקזעמפשען**
ניו יארקע וועטעראנען זענען בארעכטיגט פאר ווערטפולע פראפערטי טעקס עקזעמפשענס פון לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט.

מער פון א האלבע מיליאן ניו יארקע וועטעראנען בענעפיטירן יעצט פון פראפערטי טעקס עקזעמפשענס. די מערסט אפטע עקזעמפשענס קענען רעדוצירן די פראפערטי טעקס פון א וועטעראן פון מלחמה מיט 15 פראצענט אדער מיט אזויפיל ווי 25 פראצענט, אויב דער וועטעראן האט געדינט אין א שלאכט זאנע. פילע לאקאלע רעגירונגען אפפערן אויך א קאלטע קריג וועטעראנען עקזעמפשען פון ביז אזויפיל ווי 15 פראצענט פאר וועטעראנען וועלכע זענען געווען אין אקטיווע דינסט צווישן 1945 און 1991.

ביידע קאטעגאריעס פון עקזעמפשען ערלויבן די פראצעננט פון די עקזעמפשען צו געהעכערט ווערן צו אזויפיל ווי 50 פראצענט, אויב דער וועטעראן איז געווארן דיסעיבעלד צוליב זיין אדער איר מיליטער דינסט.

די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ גיבט אויך פראפערטי טעקס פארגרינגערונג באזירט אויף די סומע פון בארעכטיגטע געלטער וואס דער וועטעראן האט אינוועסטירט אין די פראפערטי. א דאנק א לעצטנס-אריבערגעפירטע געזעץ, זענען סקול דיסטריקטס יעצט אויטאריזירט צו אפפערן יעדע פון די עקזעמפשענס.

פון די 679 סקול דיסטריקטס איבערן סטעיט, גיבן יעצט 288 צום ווייניגסטנס איינס פון די וועטעראנען עקזעמפשענס וועלכע זענען דא.

אזוי ווי די סארטן און סומעס פון עקזעמפשענס וואס ווערן געגעבן און די אפליקאציע טערמינען טוישן זיך פון איין פלאץ צום אנדערן, זאלן וועטעראנען זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע אסעסער'ס אפיס (assessor's office) פאר איינצלהייטן איבער וויאזוי צו באקומען די ווערטפולע טעקס בענעפיטן.

**ניו יארק סטעיט צייטווייליגע קאמישאנער פון שטייערן און פינאנץ, אמענדע הילער, האט געזאגט,**
"אויף וועטעראנס דעי, און יעדן טאג, זענען מיר שטאלץ צו באערהן די אלע וועלכע האבן געדינט אין אונזער מיליטער מיט איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט צו באשיצן אונזער פרייהייט. אין ניו יארק זעצן מיר פאר צו בויען אויף אונזער איבערגעגעבנקייט צו וועטעראנען דורכן פארברייטערן אונזער *Hire-a-Veteran* טעקס קרעדיט און דורכן צושטעלן אנדערע בענעפיטן ווי פראפערטי טעקס עקזעמפשענס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס (Division of Veterans' Services) דירעקטארין, וויוויענע דעקאָוהען, האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז אונזערע וועטעראנען קומען אהיים פון דינסט מיט אומשאצבארע סקילס פאר די ציווילע ארבעטסקראפט. די *Hire-A-Veteran* טעקס קרעדיט גיבט א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר ניו יארק'ס וועטעראנען צו אויסנוצן זייערע אייגנארטיגע ערפארונגען און וויסנשאפט צו ביישטייערן צו די ארבעטסקראפט בשעת'ן אנרייצן ארבעטסגעבער צו פארזעצן צו אויפנעמען, טרענירן און אויפהאלטן וועטעראנען."

פאר לאקאלע אינפארמאציע, באזוכט די ניו יארק סטעיט טעקס דעפארטמענט לאקאלע רעגירונגען פראפילן וועבזייטל.

פאר מער אינפארמאציע איבער די טעקס קרעדיטס און באלוינונגען פאר ארבעטסגעבער, באזוכט די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418